

ה. לייוויק און זיינע טאַטע־מאַמע ע"ה — אסתר רבקה און שאול.
דאָס בילד איז גענומען אין מינסק, אין 1913, ווען דער דיכטער
איז געלאָפן פון סיביר קיין אַמעריקע.



ה. לייוויק אין סיביר־פאַרשיקונג. — 1912





חנינה — משיח בן דוד, געשפילט פון ח. רובינא, אין דער אויפפירונג
פון ה. לייוויקס „חלום הגולם״. — „הבימה, אין ישראל



דער גולם, געשפּילט פון אהרן מעסקין. — „הבימה“, אין ישראל.



די באַשאַפונג פון גולם.

קופּערשטיך פון א. מערזער צו ה. לייוויקס דראַמאַטישער פּאָעמע „דער גולם"



ה. לייוויק און י. אפרת מיט די קינדערלעך פונעם
די־פּי לאַגער אין שטוטגאַרט, 1946

און צופּייקלען און צוצומבלען,

לעבן מיינס.

איך וועל דיך פירן דורך אַלע געפּאַרן —
לעבן מיינס;

דורך תּפיסה, דורך הקדש, דורך חורבה,
דיך פירן און דורכפירן — לעבן מיינס.
ווייל איך האָב פאַרשניטן אַ בונד מיט דיר
לעבן מיינס,
אַ בונד — אזוי צו זאָגן:
ווען אַפילו כ׳זאָל דאַרפן דיר אָנטאָן
אַ קייט אויפן האַלדז,
לעבן מיינס,
און אויף דער קייט, ווי עס פירט
אַ ציגיינער זיין בער,
דיך טרייבן דורך גאַסן, דורך מערק,
און אויסשרייען:
טאַנץ דיין וועלט־טאַנץ, לעבן מיינס; —
און דו וועסט טאַנצן, לעבן מיינס,
און צופּייקלען און צוצומבלען,

און גרויס וועט זיין דער געזעמל
אַרום דיר,
און רויט — דאָס לאַכן פון מיילער,
און נאָך רויטער די קייט אויף דיין האַלדז
לעבן מיינס — —

וועל איך שטייפער פאַרציענדיק
די רינגען ארום דיר,
שטיין מיט אַ געהויבענעם קאָפּ
און אויסרופן:
אָט אַזוי ווערט געטאָן,
אָט אַזוי זאָל געטאָן ווערן צו דיר,
לעבן מיינס; —
אָט אַזוי זאָל געזונגען ווערן
צום טאַקט דיר
דאָס הייליקע ליד מיינס וועגן דיר —
ביז אייביק און אייביק —
לעבן מיינס.

זינג דאָס ליד פון אויפגעבונטעוועטן
ווילן,
דאָס געדולד האָט אונדז אלעמען
געמאַכט פאַר לאַיגער.
גענוג קרבנות געבראַכט
אויפן מזבח פון דעם שטילן,
גענוג זיך אָנגעקוקט אין די
אויגן פון דעם שווייגער.

נעם פאַנאַדער זיינע דינע ליפּן
און רייס דאָס וואָרט פון זיי
מיט דער צונג צוזאַמען;
און זיך אַליין בינד אָפּ פון אַלע קניפּן,
און זיך אַליין האַק אָפּ פון אַלע שטאַמען.

און פון אַלע באָדנס, און פון
די אייגענע יאָרן,
און טראָג אָפּן אי דיין ליבע
אי דיין שנאה:
פאַרשמיד אין קייטן, ווי אַ
קאַטאָרזשניק, דיין זיכרון.
און אַלע לידער דיינע שלעפּ
צו דער גילאָטינע.

יום־הדין קומט — די שטראָף זאָל
זיין וואָס האַרבער —
פאַר איין מאָל ליידן וועסטו
צוויי מאָל שטאַרבן:
אַז ס׳וועט אויסוואַקסן ביי דיר
דיין זון — דיין אַרבער.
וועט ער דעם צווייטן טויט דיר
ברענגען — דיך ניט אַרבן.

ס׳איז דאָ אַזאַ געזאַנג, וואָס איך
זינג אָן ווערטער,
מיט פאַרמאַכטן מויל צוגעפאַלן
צו דער ערד;
צו זיין אַ פאַרשטאַנענער, צו זיין
אַ דערהערטער
איז מיר ניט אַלעמאָל באַשערט.
און אַז איך הער דיין קול: „אָ, ווי
פיינלעך, אָנסופיק״, —
נעם איך אויף זיך פאַר אַלע פיינען
די שולד;
און איך וויל איין זאַך, כאָטש
דערזינגען סטראָפיק
דאָס געזאַנג פון אונדזער לעצטן
געדולד.

שוין, דוכט זיך, צייט אַלץ פאַרשטיין
און פאַרזיגלען,
און דאָס אומגעדולד פאַרשפאַרן
אויף אַ קייט, —
זענען נאָך פאַראַן אָבער אַזוינע
פליגלען,
וואָס וואַקסן־אויס ערשט אויף
דער שוועל פון טויט.
עס קומען אָן, רינגלען אונדז אַרום
פון אַלע זייטן
מענטשן דרייסטערע מיט אַן אַנדער מוט,
זיי בייטן איבער אַלץ, ווען אויך
אונדז פאַרבייטן,
לאָמיר זינגען צו זיי: אַזוי איז גוט, גוט.

## ה. לייוויק — אַזוי פיל לעבנס

אַזוי פיל לעבנס טראָג איך
אויף מיינע פלייצעס, —
וואוהין דאַרף איך זיי דערטראָגן?
אַ פערד אַן איינגעשפּאַנט
אין כאָמוט און לייצעס
ווייס דאָך אויך וואוהין צו
ברענגען דעם וואָגן.

דער טאָג איז הייס, די ערד געשפּאָלטן,
דעם וועג האָב איך לאַנג שוין
אויפגעהערט צו פאָרשן.
די פעלדער און וועלדער, ווי איין
שטיק קאָלטן,
שרייען אויף צו גאָט אין לעצטע דאָרשטן.

מיר חלומט זיך אַמאָל אַ מאָדנער חלום,
איך שפּיר דאָס גליק פון גרעסטן זינדער;
אַ קול זאָגט: שטאַרב, און איך
ווידערהאָל אים,
און וויל נעמען אָפּשייד פון ווייב
און קינדער.

איז ערגעץ דאָ אָבער אַ מענטש
פון וואונדער,
איך זע אים ניט, נאָר זיין וואָרט
דערהער איך,
זיין קול זאָגט: לעב — און איך
גיב זיך אים אונטער,
און מיין גורל איבער זיך נאָך מער
פאַרשווער איך.

דער וועג איז האַרט און איך
נאָך האַרטער,
די נאַכט ווערט שטום — און איך—
נאָך שטומער;
כ׳וועל ווידער דער עקשן — כ׳וועל
ווידער דער וואַרטער
אויף אַ נייער ערד און אַ נייעם זומער.

דער לבנהס פנים איז גרויס און רויט,
און דאָס שיפל אונטער מיינע
וועסלעס איז געהאָרכזאַם, בויגיק,
אַ גאַנצן טאָג האָב איך געטראַכט
וועגן לעקערטס טויט,
איז די לבנה באַזונדערס היינט
פול־פּנימדיק, אויגיק.

פאַראַגאַנגענע יאָרן, ווי וואַלדיקע ווענט,
אַ שווייגעניש וואַרפן זיי אויף מיין
האַלדז און פאַרציען;
אַ גאַנצע טאָג האָב איך געטראַכט
וועגן לעקערטס הענט,
וואָס האָבן אַליין אויף זיך
אַרויפגעוואָרפן די תליה.

אַזוי האָב איך בייטאָג געזונגען
וועגן דעם:
— „אָ, איך ווייס ניט ווען, נאָר איך
ווייס, אַז ס'וועט קומען
אַ שעה אַזאַ, וואָס וועט זאָגן צו
יעדן איינעם: נעם
אַזאַ באַגינען זיך, ווי לעקערט
האָט גענומען“.

וויגט זיך וועסלעס מיינע,
אַהין און צוריק,
הייסע ווינטן איילן נאַכט צו ברענגען:
זינג נאָכאַמאָל, נאָכאַמאָל צו דער
הייליקער שטריק,
און צום האַלדז, וואָס בענקט,
וואָס רייסט זיך הענגען.

ניט דער שפּאַס פון לץ וועט אונדז
צעשיידן
און ניט די קרומקייטן פון פאַלשן נאַר;
מיר וועלן גיין, פאַרבּרידערטע אין ליידן,
דעם וועג פון חברשאַפט דורך נייעם צער.

ניט צום ערשטן מאָל, און ניט
צום לעצטן,
צו זיין דערנידעריקט צו זיין פאַרשעמט;
דער העצער, הינטער אַקסל פון
געהעצטן,
לויפט נאָך, ווי אַלעמאָל, מיט שטיינער
פולע הענט.

איך פאַרלייקן ניט פון דיר, מיין חבר,
מיין עלנט וואַקסט צוזאַמען מיט
מיין פרייד;
עס לייגט זיך אויפן האַרץ אַן אַלטער
זשאַווער
פון פאַנאַדערפאַלנדיקע רייד.

איז דאָס דער גורל שוין אַזאַ פון אייבּיק?
אָ, ניין, אָ, ניין, ס׳איז בּעסערס מיר
בּאַשערט;
צו לעבּן קינדעריש, צו לעבּן גלויבּיק —
אויף דעם בּין איך געקומען אויף
דער ערד.

ניט שטעל זיך אָפּ, ניט קוק זיך אום
אויף הינטער —
ס׳וועט מיד ווערן דעם
שטיינערוואַרפערס האַנט;
אַ הינטער אונדז — אַ שטאַרבּנדיקער
ווינטער,
פאָרויס פון אונדז — אַן אויפגייענדיק
לאַנד.

דאָס אַלטמאָדישע פֿון דער וועלט:
מאָרד, געפאַנגענשאַפט, היגריכטונג,
פּאַרראַט, אָפּזאָג.
פּאַרראַט פֿון דעם נאָענטסטן,
אָפּזאָג פֿון דעם געליבטסטן;
מיטן רוקן אָוועקגעדרייט,
מיט גאַל אויף די ליפּן,
מיט נאָדלען־שוואַרצאַפּלען —
שטייט דער נעכטיקער ברודער. —

אַזוי ווי געווען,
אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען
פֿון אייביק.

דער שטאַרקער איז נאָך אַלץ דער
מאַכטהאָבער,
און דער מאַכטהאָבער איז נאָך אַלץ
אַ רשע;
און דער אמת איז נאָך אַלץ
ביים געשלאָגענעם,
און ניט ביים קריוודער, ביים שלעגער;
און גערעכט איז נאָך אַלץ דער,
וואָס הינטערן שלאָס,
און ניט דער וועכטער, וואָס קלאַפּט
מיט די שליסלען.

אַזוי ווי געווען,
אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען
פֿון אייביק.

[illegible]

[illegible] —

אַ צעדריבלטן, אַ צעקנייטשטן

ווי אַ שמאַטע,

און ס׳האָט מיט קרימעניש און גרויל

זיך דורכגעריסן דורך מיין מויל:

אָט דאָס איז זי — די יידישע, די

גלעלע לאַטע!

און ס׳האָט פאַר מיין אויג

גענטאָן אַ בליץ;

פון צווישן יעדן קנייטש אַ בלויער שפיץ—

זעקס בלויע קרומע שפּיצן פונעם

מגן־דוד;

און ס׳האָט צום האַלדז געטאָן אַ שלאָג,

אַזוי ווי אַ געשטורעץ פון בלוט,

אַ הייסער זאָג:

אָט דאָס איז ער — דער יידישער,

דער בלויער כבוד!

[illegible]

געשטיקט אַזוי —

האָט איבער מיר צעיאָגט זיך אַ געשריי,

און ווי אַ שטורעמווינט אַ וואָרף

געטאָן מיך נידער:

און נאָכזיעצ דורך דער גאַנצער נאַכט

ביז פרי,

געשפּירט האָב איך אויף מיינע הענט

אַ ברי,

ווי כ׳וואָלט זיך צוגערידט צו לייב,

צו גלידער.

אָ כבוד, וואָס די שפּיצן זענען קרום;

אָ כבוד, וואָס די קנייטשן כאַפּן אַרום

די אָרעמס און די פּלייצעס די האָרעבאַטע!

אָ כבוד, אָנגעזאַפּטער ווי אַ שוואָם

מיט חורבן, קידוש־השם און מיט

פּאָגראָם, —

שפּרייט אויס דיין ליבשאַפט אויף

דער געלער לאַטע!

## אַ וויג־ליד

אונטער דער געלער לאַטע
מאַך דיינע אויגן צו, —
אין דאַכאַו איז דיין טאַטע,
שלאָף, מיין קינד, ליו־ליו.

אין דאַכאַו וואָס טוט ער?
און וואו איז דאַכאַו, וואו? —
דער טאַטע איז אַ ייד אַ גוטער,
זיי אַ גוטער ייד אויך דו.

צום קנוט, צום שלאָס און גראַטע
אַ קאָפּ אין בלוט פֿאַלט צו;
אָ ניין — ס׳איז ניט דיין טאַטע, —
ניט פֿיבער קינד, — ליו־ליו.

כ׳וועל מער דיך ניט דערשרעקן
מיט בלוט, מיט וויי און וואונד;
אַמאָל איז די לאַטע מיט עקן,
אַמאָל איז די לאַטע רונד.

אַמאָל איז רויט די לאַטע
און מערער מאָל איז זי געל;
אַ, חלום, קינד אַז טאַטע
באַווייזט זיך אויף אונדזער שוועל.

ער גיט די טיר אַן עפֿן,
ער קומט אין שטוב אַריין,
דיין הענג־בעטל צו טרעפֿן
פֿאַרוואָס זאָל שווער אים זיין?

ער נעמט דיך וויגן, וויגן,
און וויגט זיך אין אַליין;
דער טאַטע ליגט, בלייבט ליגן
דאַרף מען שוין אין דאַכאַו ניט גיין.

אַז אייביקער — דיין טאַטע,
אַזוי ווי די אייביקע רו,
אַזוי ווי די געלע לאַטע —
שלאָף, מיין קינד, ליו־ליו.

דרעמלענדער יינגעלע,
יינגעלע מיין,
קוק נישט צו מיר
אין די אויגן אַריין.

טיפער און טיפער
אין שלאָף גראָב זיך איין,
דרעמלענדער יינגעלע,
יינגעלע מיין.

איך בין געשטאָרבן
און זע דורכן טויט:
דו — גאָר מיין ערשטער,
דער לעצטער פאַרגייט.

ביסטו פאַרמשפּט
דער לעצטער צו זיין?

דרעמלענדער יינגעלע,
יינגעלע מיין.

הערסטו געבעטן
און ביטער געוויין,
ווייס, אַז דאָס וויין איך,
דאָס וויין איך אַליין.

גראָזן פון קברים
איך קלייב זיי און שפּרייט,
דיר אַ געלעגער
אויף שפּעטער געגרייט.

ווען ווערסטו קומען
מיט מיר שוין צו זיין,
דרעמלענדער יינגעלע,
יינגעלע מיין.

## ה. לייוויק ———————— לייג דיין קאָפּ

לייג דיין קאָפּ אויף מיינע קני,
גוט אַזוי צו ליגן,
קינדער שלאָפן איין אַליין,
גרויסע דאַרף מען וויגן.

קינדער האָבן שפּילעכלעך,
שפּילן ווען זיי ווילן;
גרויסע שפּילן נאָר מיט זיך,
מוזן אייביק שפּילן.

האָב ניט מורא, איך בין דאָ,
וועל דיך ניט פאַרשטויסן —
האָסט גענוג געוויינט שוין היינט,
ווי עס פּאַסט אַ גרויסן.

אָנגעוויינט און אָנגעקלאָגט,
איך וועל דיך פאַרוויגן;
לייג דיין קאָפּ אויף מיינע קני —
גוט אַזוי צו ליגן.

## ה. לייוויק ——— זייט געזונט

זייט געזונט, זייט געזונט,
מאָרגן פֿאָר איך אָפּ;
כ׳האָב שוין אויפֿגענײ׳ט אַ זעקל,
אָפּגעשערט דעם קאָפּ.

האָב באַקומען שוין אַ גאַרטל,
צוגעהעפֿט די קייט,
און זיך שוין מיט אַלע שכנים
דורך דער וואַנט צעשיידט.

האָב אַ היים אַוועקגעשריבן
שוין דעם לעצן בריוו;
מאָרגן וועל איך זיין שוין ווייט־ווייט
ערגעץ אויף אַ שיף.